א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

285 | פרשת קרח | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### ווען האט משה איינגעזעהן זיין אייגענע גרויסקייט

**"וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה וַיִּפֹּל עַל פָּנָיו"** (טז ד)

**דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק** טייטש דעם פסוק בדרך צחות:

ווייל די חכמים זאגן (תענית יד ב): "אין אדם חשוב רשאי ליפול על פניו, אלא אם כן נענה כיהושע בן נון", דעריבער משה רבינו דער ענו מכל אדם, איז ביז יעצט נישט געפאלן אויף זיין פנים. אבער ווען: "וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה" אז קרח ועדתו קריגן זיך מיט אים אויף דעם וואס ער איז דער מנהיג פון כלל ישראל, באלד "וַיִּפֹּל עַל פָּנָיו", אויב איז ער אזוי גרויס אין זייערע אויגן - וועט זיין תפילה זיכער אגענומען ווערן, קען ער פאלן נפילת אפים.

'נועם אלימלך'

### אויך די תפילה פון רשעים ווערט אנגענומען

**"אַל תֵּפֶן אֶל מִנְחָתָם"** (טז טו)

"אל תפן אל קרבן שיקריבו לפניך ואל תפלה שיתפללו לך, כי כל הקרבנות גם התפלה יקראו 'מנחה' בכתוב" (רמב"ן).

מ'דארף פארשטיין: וויאזוי קען זיין אז משה האט מורא געהאט טאמער די תפילה פון קרח ועדתו וועט אנגענומען ווערן?

**זאגט רבי אברהם מנחם ראפאפארט:**

טאקע אזוי, אויך א תפילה פון רשעים ווערט אנגענומען, אזוי ווי די חז"ל לערנען עס ארויס (כריתות ו ב) פון דעם וואס אין די געווירצן פון די קטורת איז אויך געווען די 'חלבנה' וואס האט א שלעכטן גערוך, ווייל "כל תענית שאין בה מפושעי ישראל - אינה תענית".

'מנחה בלולה'

### די תפילה פון מנחה איז מכפר אויף די רשעים

**"אַל תֵּפֶן אֶל מִנְחָתָם"** (טז טו)

פארוואס האט משה רבינו פונקט דערמאנט 'מנחתם' און נישט 'קרבנם'?

ערקלערט דער **רבי ר' יהונתן אייבשיץ:**

אנדערשט פון א בהמה וואס מ'ברענגט פאר א קרבן וואס איז מכפר נאר אויף די וואס זענען ראוי צו דעם, איז דער מנחה מכפר אויך אויף די רשעים; און מ'קען זאגן אז נישט נאר די קרבן מנחה, נאר אויך די תפילה וואס ווערט אנגערופן אויף איר נאמען - 'מנחה', דאס אליין קען אויך אנגענומען ווערן פון א רשע. אזוי ווי מיר טרעפן אין גמרא (שבת פט ב) אז לעתיד לבוא, ווען דער אויבישטער וועט זאגן פאר די דריי אבות אז זייערע קינדער האבן געזינדיגט, וועט אברהם און יעקב זאגן: "זאלן זיי געשטראפט ווערן און דורך דעם וועט ארויסקומען א קידוש השם", און נאר יצחק וועט דאווענען אויף זיי. דעריבער נאר די תפילה פון מנחה וואס ער האט מתקן געווען (ברכות כו ב) איז מכפר אויך אויף די בעלי עבירה. און מיר זעהן טאקע אזוי אין גמרא (ברכות ו ב) אז חז"ל זאגן: "לעולם יהא אדם זהיר בתפילת המנחה, שהרי אליהו [וואס האט געדאווענט אויף די רשעים אין זיין דור] לא נענה אלא בתפילת המנחה".

'תפארת יהונתן'

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די הפטרה

### 'כי לא יטוש' אין זכות פון אמן

**"כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' אֶת עַמּוֹ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל כִּי הוֹאִיל ה' לַעֲשׂוֹת אֶתְכֶם לוֹ לְעָם"** (שמואל א' יב כב)

אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בִּפְרֹעַ פְּרָעוֹת בְּיִשְׂרָאֵל בְּהִתְנַדֵּב עָם בָּרֲכוּ ה'", דרש'ענען די חכמים (תנד"א רבה יא): "וועלעכע דברי נביאה האט דבורה געזאגט פאר די אידן? דאס האט זי זיי געזאגט: "דורך וועמען באצאהלט השי"ת פאר די אידן פון די פעלקער? דורך די מענטשן וואס זיי קומען פריה אין שוהל און גייען אהיים שפעט פון שוהל און ענטפערן אמן, און זיי לויבן השי"ת מיטן זאגן אמן...".

דאס איז דער פסוק דא מרמז: אין וועלעכע זכות "לֹא יִטֹּשׁ ה' אֶת עַמּוֹ"? "בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל", ד.מ. ענטפערן 'אמן' וואס איז די גימטריה פון די צוויי שמות הק' שם הוי"ה און שם אדנ"י. און עס איז אינטערסאנט, אז אויך די ראשי תיבות פון סוף פסוק: "לַעֲשׂוֹת אֶתְכֶם לוֹ לְעָם" זענען בגימטריה 'אמן'.

'גבול בנימין' שמואל א' יב כב

### די ספעציעלע מעלה פון די תפילה פון משה און שמואל

**"לֹא חֲמוֹר אֶחָד מֵהֶם נָשָׂאתִי"** (טז טו)

ווען ירמיהו האט געדאווענט אויף די טריקעניש וואס איז געווען אין זיינע צייטן, האט דער אויבישטער נישט אנגענומען זיין תפילה, און האט געזאגט (ירמיהו טו א) אז אויך: "אִם יַעֲמֹד מֹשֶׁה וּשְׁמוּאֵל לְפָנַי אֵין נַפְשִׁי אֶל הָעָם הַזֶּה". לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די ספעציעלע מעלה פון משה און שמואל אז מ'דערמאנט זיי עקסטער?

זאגט **רבי דוד טעבלי** פון פוזנא אין נאמען פון א 'חכם אחד':

פון די ווערטער פון חז"ל (קה"ר ג טו) זעהט אויס אז נאר ווער עס האלט זיך איין פון צו הנאה האבן פון א מתנת בשר ודם איז זוכה צו וויסן דעם שם המפורש, וואס יעדער וואס דערמאנט דעם 'שם' ביים דאווענען ווערט די תפילה זיכער אנגענומען. משה און שמואל האבן געהאט די מעלה אז זיי האבן נישט הנאה געהאט פון א פרעמדן: משה האט געזאגט "לֹא חֲמוֹר אֶחָד מֵהֶם נָשָׂאתִי", אויך ביי שמואל טרעפן מיר אז ער האט געזאגט (שמואל א' יב ג): "אֶת שׁוֹר מִי לָקַחְתִּי וַחֲמוֹר מִי לָקַחְתִּי". קומט אויס אז נאר זיי האבן געקענט דערמאנען דעם שם המפורש ביי זייער דאווענען, און צוליב דעם איז זייער תפילה אנגענומען געווארן.

'מסורת הברית' [פון ר"ד טעבלי פון פוזנא - האמבורג תע"ה] וישלח

### קטורת דורך א באפעל פון נביא

**"וּקְחוּ אִישׁ מַחְתָּתוֹ וּנְתַתֶּם עֲלֵיהֶם קְטֹרֶת וְהִקְרַבְתֶּם לִפְנֵי ה'"** (טז יז)

'קטורת' איז דער איינציגסטער קרבן וואס קיינמאל קען עס נישט קומען בנדבה, סיי בציבור און סיי ביחיד (מנחות נ א), נאר אויב עס קומט אויף דעם א ציווי פון א נביא, אזוי ווי מיר טרעפן אין אונזער פרשה.

לויט דעם ערקלערט הגר"ח קנייבסקי שליט"א, פארוואס פאר ווען מיר זאגן די קאפיטל פון קטורת ביי די סדר פון קרבנות ביי שחרית, זאגט מען פריער: "אתה הוא ה' אלקינו שהקטירו אבותינו לפניך את קטרת הסמים... כאשר צוית אותם על ידי משה נביאך ככתוב בתורתך"; פארוואס ווערט דא דערמאנט "משה **נביאך**" און נישט "משה עבדך" אזוי ווי ביי די אנדערע פלעצער? נאר כדי צו באטאנען אז די קטורת מקריב מען זיין נאר אין די צייט וואס ס'שטייט אין תורה, אדער על פי נביא.

'שמעה תפילתי' עמ' נה

### 'הבדלו' און שטעלט זיך דאווענען

**"הִבָּדְלוּ מִתּוֹךְ הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע. וַיִּפְּלוּ עַל פְּנֵיהֶם..."** (טז כא - כב)

דער **'אור החיים'** הקדוש וואונדערט זיך: וויאזוי קען זיין אז אויב משה און אהרן וואלטן זיך נישט אפגעטיילט פון די אידן וואלטן זיי אויך געשטראפט געווארן?

ענטפערט ער: אין מסכת ברכות (לב א) זאגן די חכמים אז אין די ווערטער פון הקדוש ברוך הוא פאר משה נאכן חטא העגל (דברים ט יד): "הֶרֶף מִמֶּנִּי וְאַשְׁמִידֵם", האט ער אים מרמז געווען אז ער קען מבטל זיין די שלעכטע גזירה, און וועגן דעם האט משה טאקע געדאווענט אויף די גזירה. אויך דא קען מען אזוי זאגן, דער אויבישטער האט זיי געזאגט "הִבָּדְלוּ" כדי זיי זאלן פארשטיין אז זיי האבן א כח צו דאווענען אז די גזירה זאל בטל ווערן, און טאקע אזוי, באלד: "וַיִּפְּלוּ עַל פְּנֵיהֶם".

אור החיים'; 'שער בת רבים'

"דאס וואס מיר האבן געלערנט (חולין פז א) **אז דער שכר פון א ברכה איז צעהן זהובים, איז דווקא ווען ער זאגט עס הויעך און ער איז מזכה דעם רבים מיט ענטפערן אמן. און דאס איז דער כבוד פון השי"ת אים לויבן פאר א ציבור, אזוי ווי עס שטייט** (משלי יד כח)**: 'ברוב עם הדרת מלך', און פון דא זאל יעדער זיך אפלערנען זאגן די ברכות הויעך פאר די פארזאמלטע, סיי ברכות הנהנין און סיי ברכות השחר, כדי די מענטשן ארום זאלן ענטפערן אמן...".**

'ילקוט מעם לועז' משפטים עמ' תשלא




**ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## ובהיכלו כולו אומר כבוד (א)

### דער סוד פון די הצלחה פון א אידיש לעבן

צו א געוואלדיגע זכיה האבן מיר זוכה געווען, ווען פון די מיליארד'ן גויים זענען מיר אויסדערוועלט געווארן צו זיין דאס מערסטע רעספעקטירט פון אלע מענטשן, קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, וואס זענען זוכה זיך צו מדבק זיין צו קודשא בריך הוא ושכינתיה, און שטיין פאר אים יעדן טאג און זיך אויסשמועסן פאר אים אונזערע דאגות און בעהטן פון אים אונזערע געברויכן בשעת'ן דאווענען די דריי תפילות.

ווערטער וואס קען אויפלאמען די הערצער צו וויסן און פארשטיין די גרויסקייט פון תפילה שרייבט הרה"ק רבי דוד שלמה פון טולטשין, א גרויסער תלמיד פון רבי ברוך פון מעזיבוש, אין אנהויב זיין ספר 'התעוררות התפילה':

"דער יסוד היסודות און דער עמוד העבודה איז די תפילה וואס אונזערע אבות האבן אוועק געשטעלט, און די אנשי כנסת הגדולה האבן עס מסדר געווען. ווער קען זיך פארשטעלן און שאצן אפילו נאר א קלייניקייט פון איר געוואלדיגע מעלה, דאס זענען דברים העומדים ברומו של עולם, אין א בחי' פון סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, און אלע גוטע השפעות פון בני חיי און מזוני זענען אנגעהאנגען אין דעם... זאלסט וויסן, אז דער גאנצע טאג איז אנגעהאנגען אין די צייט וואס ער דאוונט. און ווייל א מענטש קען דאך נישט דאווענען א גאנצן טאג... דעריבער אויב זיין התדבקות און זיין התקשרות צו השם יתברך בשעת'ן דאווענען איז זייער גרויס, איז אויך נאכן ענדיגן דאווענען וועט איבערבלייבן ביי אים א איינדרוק פון אהבה צום באשעפער, און וועט האבן הצלחה אין אלעס וואס ער טוט, און ער וועט זיך נישט אפשיידן און אפרייסן פון דביקות הבורא און פון יראת ה'".

### 'ואני קרבת אלוקים לי טוב'

די תפילה איז די אויסגעטרויטענע וועג פון אונזערע עלטערן וואס דורך דעם קענען מיר זיך דערנענטערן צו ה', און אזוי ווי עס שטייט קלאר אין פסוק (דברים ד ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹהִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו".

אין מדרש (דב"ר ב י) ווערט געברענגט אויף דער פסוק: "רבי יהודה בר סימון זאגט: פון דא ביז די הימל איז א וועג פון פינעף הונדערט יאר - זעהט מען אז דער אויבישטער איז 'ווייט', און ווי זעהט מען אז ער איז 'נאנט'? ווייל א מענטש שטעלט זיך דאווענען און טראכט פון זיינע בקשות ביי זיך אין הארץ, און דער אויבישטער איז 'נאנט' אויסצוהערן זיין תפלה... האט דוד געזאגט פאר הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם... ווען די אידן דאווענען צו דיר - זאלסטו באלד צוהערן אונזער תפלה אזוי ווי עס שטייט (תהלים ד ב): "בְּקָרְאִי עֲנֵנִי אֱלֹקֵי צִדְקִי". האט אים דער אויבישטער געזאגט: וואס האסטו געבעהטן? 'בקראי ענני'; איך זאג דיר צו, נאך בעפאר זיי וועלן מיך רופן וועל איך ענק ענטפערן, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה סה כד): "טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה", ווייל איך האב נישט קיין אנדערע פאלק, נאר ענק..." (דב"ר ב י).

נאך טרעפן מיר אין גמרא (יבמות סד א): "הקדוש ברוך הוא מתאוה לתפילתן של צדיקים", ערקלערט דער רמח"ל ('דרך ה' ח"ד פ"ה), ווייל דער דרך הטוב רוצה להיטיב, וויל הקב"ה גוט'ס טון מיט זיינע באשעפענישן, דעריבער גלוסט ער אז זיי זאלן דאווענען צו אים, ווייל דורך דעם וואס מיר ווערן נתעורר באקומען די גוט'ס דורך די תפילה, קומט צו אונז אראפ די שפע פון הקב"ה.

### א חוב וואס איז א פארגעניגן

ווייל השי"ת האט צו אונז א גרויסע ליבשאפט האט ער באשטימט פאר אונז קבועות'דיגע צייטן, דריי מאל יעדן טאג, וואס דעמאלטס ווארט ער צו הערן אונזער תפילה, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש: "משה האט געזעהן אז די בית המקדש וועט חרוב ווערן, און די ביכורים וועט זיך אויפהערן, האט ער מתקן געווען פאר די אידן זיי זאלן דאווענען יעדן טאג דריי מאל, ווייל די תפלה איז באליבט פאר הקדוש ברוך הוא מער פון הונדערט מעשים טובים" (מדרש תנחומא כי תבוא א).

און טראץ וואס די תפילה איז פאר אונז ווי א חובה (אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט אנהויב הלכות תפילה), אבער דער וואס נעמט אריין אין זיך די אויבנדערמאנטע ווערטער וועט זיכער נישט צוגיין צו א דאווענען ווי איינער וואס וויל זיך ארויסדרייען פון א עול און א לאסט, נאר ווי א זכות וואס ער האט באקומען פונעם אויבערשטן וואס וויל זיך דערנענטערן צו אים, הערן זיין שטימע און ערפילן זיין וואונטש. און אזוי ווי דער חזון איש שרייבט אין זיין בריוון (ח"א אגרת ב): "התפילה היא מטה עוז ביד כל אדם, וכל שישים האדם מבטחו בו יתברך, כן יעלה וכן יצליח".

און די חז"ל האבן געזאגט (ברכות ו ב ע"פ רש"י שם) אויף דער ענין פון תפילה: "אלו דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהם". אזוי אויך זאגן די חכמים (ברכות לב ב) אז תפילה איז איינס פון די פיר זאכן וואס דארף שטענדיג האבן חיזוק.

בדרך צחות פלעגט דער 'תורת חיים' פון קאסוב זאגן: "וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ" (דה"א כט יב) - די גרעסטע עשירות און כבוד וואס א מענטש קען האבן, איז די עצם זכות זיינע צו שטיין פאר השי"ת און דאווענען צו אים ('שרפי קודש' עמ' תרמז).

קלארע ווערטער אויף דעם ענין שרייבט דער בעל 'ספר העקרים' (מאמר ד פ"כ):

"כאטש אז דאווענען איז א מצוה פון די מצוות פון די תורה... ווען דעם זאג איך דיר אז די מצוה פון תפלה טראץ אז עס איז א מצוה פון די מצוות פון די תורה און עס איז ראוי מ'זאל אויף דעם באקומען שכר ווי אויף אנדערע מצוות. די מצוה פאר זיך אליינס האט א גרויסע מעלה מער פון יעדע מצוה פאר זיך, ווייל יעדע מצוה האט א עקסטערע שכר, אזוי ווי דו וועסט טרעפן ביי שילוח הקן למען ייטב לך והארכת ימים, און ביי צדקה למען יברכך ה' אלהיך בכל תבואתך ובכל מעשה ידיך, און די מצוה פון תפלה האט אין זיך א ספעציעלע סגולה וואס נוצט אויף אלע זאכן, ווייל מיר זעהן דאך אז עס נוצט צו היילן די קראנקע... און עס נוצט צו ראטעווען פון טויט... און עס נוצט אז די קינדערלאזע זאלן געהאלפן ווערן... און עס נוצט אויף הונגער... און עס נוצט אויף א מלחמה... אויב אזוי איז די תפילה אזוי ווי א מעדיצין וואס נוצט אויף אלעמען... און עס נוצט אויך פאר רשעים גמורים".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## כי מלאכיו יצוה לך

**די ערציילונג וואס איר לייענט יעצט איז געהערט געווארן פון איינעם פון די רבנים פון א באוואוסטע ישיבה פאר בעלי תשובה, אין דרום אפריקע, וואס האט עס געהערט מיט די פונקטליכע איינצעלהייטן פון דער בעל המעשה זעלבסט, מיט אים האט ער זיך געטראפן אין ראם פון זיינע פארצווייגטע אקטיוויטעטן אין דעם געביט פון "להשיב לב בנים על אבותם".**

די שוואכע ליכטיגקייט וואס איז געקומען פון די עטליכע לעמפלעך אויפן גאס, האבן קוים געקענט פארטרייבן די פינסטערניש וואס איז געווען אין יענע טונקעלענע נאכט אן די שיין פון די לבנה, ערגעץ דארט אין די עק שטאט קייפטאון וואס געפינט זיך אין דרום אפריקע. משה, א טייערע איד וואס אין יענע טעג האט ער געהאלטן אינמיטן זיינע ערשטע טריט אין די 'עולם התשובה', איז געשטאנען אינגאנצן דערשראקן נעבן זיין אויטא און האט געווארט אויף א נס.

ער האט פראבירט איבערטראכטן וויאזוי ער איז אנגעקומען אין אזא שרעקעדיגע און פינסטערע פלאץ, אין אזא שפעטע נאכט שטונדע. ער האט געדארפט ערלעדיגן עפעס א וויכטיגע זאך אין דער געגנט פון קייפטאון, אויפן וועג צוריק האט ער פראבירט צו פאר'קורצער'ן זיין וועג דורך פארן א אומוועג, און פונקט דארט האט די מאטאר פון זיין אויטא באשלאסן אויפהערן ארבעטן.

ער האט זיך פארבינדן צו זיין אינשורנס קאמפאני און זיי האבן אים צוגעזאגט צו קומען אין א קורצע צייט, אבער ווי די מינוטן האבן זיך געגרוקט האט ער פארשטאנען אז עס לוינט אים נישט זיך פארלאזן אויף די ווערטער פון די קאמפאני, און ער דארף ווי שנעלער פארלאזן דאס פלאץ, ער זאל נישט אריינפאלן אין הענט פון בלוט-דארשטיגע יונגען וואס פלעגן זיך דרייען אין די געגנט ביי די נעכט, און זיי האבן שוין הונדערטער מאל אויפגעוויזן זייער אכזריות, בארויבן מיט הרג'ענען אומשולדיגע מענטשן.

פון דער פלאץ וואו ער איז געשטאנען ביז צו די הויפט גאס איז א וועג פון א פערטל שעה, און פון דארט האט ער געהאפט כאפן א באס וואס וועט אים אהיים פירן. די וועג איז געווען שרעקעדיג, אבער די אנדערע מעגליכקייט - פון ווארטן דארט - איז מער שרעקעדיג. ער האט פארשפארט זיין אויטא און האט אנגעהויבן גיין מיט א איילעניש. פון דארט האט ער זיך אויסגעדרייט רעכט'ס צו א טונקעלע, שמאלע און לאנגע געסל, ווי אין ענדע האט ער געדארפט אריבער גיין א גרויסע פארק, און פון דארט גיין נאך א שטיקל וועג אויף א באלויכטענעם גאס.

ער איז שנעל אריבערגעגאנגען די טונקעלע גאס, ווען ער קוקט דערשראקן רעכט'ס און לינק'ס. נאך אביסל קומט ער שוין אן צו די גרויסע פארק און פלוצלינג איז ער פארגליווערט געווארן אויף זיין פלאץ; פון די צווייטע זייט פון די קליינע געסל איז אים אקעגן געקומען א ריז, א הויכער און ברייטער מענטש וואס זיינע וואקלדיגע טריט האבן אים דערציילט אז ער איז אנגעטרינקען.

די גאס איז געווען טונקל און פוסט אין יענע מינוט, און אין זיינע פאנטאזיע'ס האט ער זיך שוין פארגעשטעלט וואס עס ווארט אים יעצט אפ. אנטלויפן קומט נישט אין באטראכט; דער גוי וואס קומט אים אקעגן וועט עס באלד אויסטייטשן אז ער ציטערט פון אים, און אין איין מינוט וואלט ער אים געכאפט. נישט האבנדיג קיין אנדערע וועג און מיט א ציטערדיגע הארץ האט ער באשלאסן פארזעצן זיין וועג זייענדיג שטארק דערשראקן.

ער איז געגאנגען שטילערהייט, ווען זיין מויל מורמל'ט די ביסל קאפיטלעך וואס ער קען שוין; "מאין יבא עזרי... אל יתן למוט רגלך אל ינום שומרך... ה' צלך על יד ימינך... ה' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם".

דער שרעקעדיגער גוי האט זיך מער דערנענטערט, אבער ער האט אים נאכנישט באמערקט, און משה האט אראפגעלאזט זיינע אויגן און זיך אונטער געמורמלט די קאפיטל פון 'יושב בסתר' וואס ווערט אנגערופן 'שיר של פגעים' א סגולה אקעגן מזיקים - "כי הוא יצילך מפח יקוש... לא תירא מפחד לילה... אליך לא יגש..."; פונקט אין יענע מינוט האט דער גוי אים באמערקט, ער האט אים אנגעקוקט מיט ברענענדיגע אויגן, און האט אויך אנגעהויבן אריבערגיין די גאס צו זיין ריכטונג.

"רבונו של עולם" - האט ער זיך געטראפן מורמלען א קאכעדיגע תפילה אין די געציילטע סקונדעס וואס איז אים איבערגעבליבן, "ראטעווע מיר פון דעם בלוט-דארשטיגער, איך זאל אנקומען אהיים צו מיינע קינדער געזונטערהייט. טאטע העלף מיר...".

די תפילה איז אנגענומען געווארן. ווי ער וואלט זיך פלוצלינג פון עפעס דערשראקן איז דער גוי צוריק די גאס, וואקלדיג, ווי עס וואלט גארנישט פאסירט.

קוים האט ער מיט זיינע ציטערדיגע פוס געקענט פארזעצן די וועג ביז צו די ענדע פון די גאס אן צו ציעהן אויפמערקזאמקייט, און באלד ווען איז אנגעקומען צו די עק גאס האט ער אנגעהויבן לויפן מיט א געוואלדיגע איילעניש צו די פארק וואס האט זיך געפונען די אנדערע זייט גאס, און פון דארט צו די הויפט גאס. ווי שנעלער זיך דערווייטערן פון די מסוכנ'דיגע געגנט.

עטליכע מינוט נאכדעם איז ער שוין געזיצן אין א טעקסי אויפן וועג אהיים. זיינע ליפן האבן נאך געטשעפשעט א תפילה, דאס מאל איז עס שוין געווען א לויב. אין איין סקונדע וואלט דער צודרייטער אים געקענט טון וואס עס פאלט אים ביי.

בלאס ווי קאלעך איז ער אנגעקומען אהיים. קוים האט ער געקענט דערציילן פאר זיין פאמיליע די שווערע איבערלעבעניש וואס ער איז אדורך, און זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו די לויב געזאנגען וואס ער האט זיך אונטערגעזינגען; "אתה סתר לי, מצר תצרני...".

אויפצומארגנ'ס אינדערפריה האט משה געעפענט די צייטונג און זיין בלוט איז פארגליווערט געווארן; אין א אפיציעלע מעלדונג פון די פאליציי זעהט ער א באקאנטע פנים.

די פאליציי בעהט די הילף פון די דארטיגע איינוואוינער זאלן קומען זאגן עדות איבער דער פארברעכער וואס איז נעכטן נאכט געכאפט געווארן, דערנאך וואס א אומשולדיגער דורכגייער, א דארטיגער גוי, איז גע'הרג'עט געווארן, אין עק שטאט. עטליכע פארדעכטיגע זענען ארעסטירט געווארן נאכן רצח'ענען, ווען דער מענטש אויפן בילד איז דער הויפט פארדעכטיגער. די פאליציי בעהט הילף, אויב איינער האט אים געזעהן אין יענע געגנט, זאל קומען עדות זאגן כדי מ'זאל אים קענען באשטראפן.

יא. ער האט נישט קיין צווייפל, דער טונקעלער פארשוין איז נעכטן געווען נעבן אים. דער מענטש איז געווען א רוצח, און צוליב א אומבאקאנטע סיבה האט ער באשלאסן אים אפלאזן...

עטליכע שעות נאכדעם זענען זיינע פוס שוין געשטאנען אין די פאליציי סטאנציע. ער האט זיך געפריידט צו געבן עדות וואס וועט העלפן אריינשליידערן דעם מערדער אין די טורמע ביז סוף זיין לעבן.

זיין עדות איז אויסגעהערט געווארן מיט גרויס אינטערעסע און האט איבערגעלאזט א טיפן איינדרוק אויף די אויספארשער, ווען זיין אויטא וואס ליגט נאך אויף דעם זעלבן פלאץ וואו ער האט עס נעכטן אפגעלאזט איז א באווייז אויף זיין באגלייבטקייט.

כדי זיכער צו מאכן האט אים איינער פון די אויספארשער געפירט צו דעם צעל פונעם מערדער, און משה האט אויסגענוצט די געלעגנהייט אריינטראכטן וואספארא גרויסע נס האט פאסירט מיט אים.

"קוק אים אן", האט דער אויספארשער באפוילן דעם פושע, "דער מענטש איז דיר באקאנט?". עטליכע סקונדעס האט אים גענומען ביז ער האט זיך דערמאנט; "יא, איך האב אים נעכטן באמערקט אין די געגנט פון די מארד" - האט דער פארברעכער געענטפערט מיט א קאלטקייט.

"און פארוואס האסטו אים גארנישט געטון?" - האט דער פארשער נישט געקענט באהאלטן זיין נייגעריגקייט. "וואס איז טייטש פארוואס?" - האט דער מערדער נישט פארשטאנען די פראגע, "וואלט ער געווען אליין וואלט איך אים זיכער עפעס געטון, אבער וואס זאל איך טון?! אין די מינוט וואס איך האב באמערקט די צוויי אנגעוואפנטע וועכטער וואס גייען נעבן אים און געבן אים אכטונג, האב איך באלד געהויבן פוס און אנטלאפן" - האט ער אויסגעפירט, אן צו וויסן ווי שטארק זיינע ווערטער האבן געווירקט אויף די נשמה פון דער איד וואס איז געשטאנען אקעגן אים.

'נפלאותיו לבני אדם' ח"ד עמ' 53

shay ציצובים